1/71047

# קול פלאים

איין שיינע שרעקליכע באשרייבונג פון איין
מלכות וואס ער האט גוואלט מאכן גירוש
אוף יהודים. און השי"ת האט זיא גהאלפן
דורך ר' אברהם בען אתת. וועלכע זיין
מצבה שטייט אין קראקא רבתי אוף דעם
אלטען בית עולם. און דיא מעשה איז עד
היום הזה פאר שריבען אין פנקס דחברא
קדושא אין קראקא רבתי:

אוך איין שיינע וואונדערליכע מעשה. וואס
עס האט זיך גיטראפען אין דער גרויסע
שטאט אמשטערדאם. וועלכע זיא שטייט
אוך פאר שריבען אין פנקס דחברא
קדושא דשם:

---

ווארשא
בדפוס ר' גרשון ור' פסח לעבענזאהן נ"י

---

SIEDM HISTORYI
napisał Mendeł Rajzenzaft.

w Warszawie 1865
w Drukarni P. Lebensona

Wolno drukować z warunkeim złożenia w Komitecie Cenzury, po wydrukowaniu prawem przepisanéj liczby eksemplarzy.

Warszawa dnia 19 (31) Stycznia 1865.

p. o. Cenzora B. CYMERMAN

# מעשה מר אברהם בען אחת



מעשה עס איז אמאל געווען איין גרויסער מלכות · דער
מלכות איז געווען זייער אנגעזעהן צו אלע [illegible]
אונ דהם יהודים אויך זייער ליב געהאט · די מלכה איז אויך געווען
זייער אנגעהם · זיא פלעגט טאן זייער אסך טובות מיט
אלמנות און מיט יתומים פון אלע אומות · אויך מיט
יודישע אלמנות ויתומים האט זיא אויך געטאן גרויסע חסדים ·
זיא האבן געפירט דיא מדינה מיט חסד און מיט רחמנות
עס איז געווען אין דער מדינה גרוס שלום ושלוה · אויך גרוס
פרנסה אז איינער דעם אנדערן האט ניט מקנא געווען · אין
איין צייט יארען ארום איז דיא מלכה שלאף געווארן · דיא
גאנצע מדינה פון אלע אומות האבן געבעטן דעם לעבעדיגן
גאט אז דיא מלכה זאל געזונט ווערען · אבער עס האט
ניט געהאלפן עס איז שון געקומען איר צייט אז זיא האט
בדארפט שטארבן און איז געשטארבן · דיא מדינה האט נאך
דער מלכה זייער געקלאגט אויך דעם מלך אליין האט זי אויך
זייער באנג געטאן :

נמשך בבית המלך אין איין צייט ארום · אז דער
מלכות האט שון אויף געהערט צו
קלאגן נאך דער מלכה · האבן דיא יועצי המלך צו שריבן
בריב צווישן אלע מלכים אז מע זאל וויסן אז די מלכה
פון דעם מלך איז געשטארבן און ער דארף חתונה האבן ·
(צווישן מלכים איז דער מנהג אזו אז איין מלך אודער איין
בן מלך דארף חתונה האבן צוא שיקען זיא זייערע
פאטרעטען צווישן מלכים · און וועלכע בת מלכה יעם איר
געפעלט דער פאטרעט · נעמט זיא פון זיך אראפ איר
פאטרעט ·

פאטרעט אונ שיקט צו דעם מלך אהער בן מלך אז אים
געפעלט אוך איר פאטרעט ווערט צווישן זיא איין שידוך
דורך בריב)׃ אין קורצן דער מלך האט געהייסן די בעלי
מלאכות וואס זיא געמן אראפ פון דעם מענטשן דעם
פאטרעט גלייך. וויא ער שטייט אליין פר דיא אויגן זיא
זאלן פון אים אראפ געמן זיין פאטרעט. און מען האט אים
צו שיקט צווישן מלכים. איין פאטרעט איז אן גקומען צו
איין מלך וואס ער האט גהאט איין טאכטער וועלכע זיא
איז געווען איין שטארקע (יפת תואר) שיין גשטאלט. אונ
איז געווען זייער אגילערינטע אין שפראכען בכתב ולשון.
אין איר דעם מלכות פאטרעט זייער געפעלן. זיא האט באלד
גשאפט מען זאל פון איר אראפ נעמן איר פאטרעט. אונ
האט אים מיט פאסט אוועק געשיקט צו דעם מלך. אז דר
מלך האט דר זעהן איר פאטרעט איז זיא אים זייער געפעלן
און שרייבט אפ איין בריב צו דער בת מלכה אז זיא
בלייבט פאר איין מלכה נאר זיא זאל אים תיכף אפ
שרייבן אויף וועלכער צייט זאלען זיא זיך צו גוף פארן
אויף דער חתונה. און זאל אים לאזין וויסען. צו ער זאל
פארן אין איר לאנד צריין חתונה האבן. אונ אויב זיא
וועט מרוצה זיין צו קומן מיט איהרע לייט אין דעם לאנד
וויא דער מלך איז. דיא בת מלכה אזו ווי זי איז געווען
שיין און קלוג. אזו איז זיא געוועזן צו יהודים זייער שלעכט
זיא האט ניט געקאנט אן זעהן איין יהודי. אז דיא בריב
פון דעם מלך איז צו איר אן גקומן. שרייבט זיא אים
אפ איין בכתב און זאגט אים אזוי. אמת איך וויל דיך
פאר איין מאן. נאר אזוי וויא איך ווייס אז אין דיין מדינה

נפונען



געפונען זיך יהודים לרוב. אונ איך קאן קיין יהודי ניט
משער פגען. קען אז דוא וועסט מיר צו זאגן אז דו וועלסט
אלע יהודים פון דר גאנצר מדינה ארוס טרייבן אז ווייטער
זאלע זאל ניט זיין אין דער גאנצר מדינה. וועל איך
דיר צו ליב טאן. האטשע עס איז ניט אזוי דר סדר עולם
(הארדינאנג) אז די נקבה זאל פארן צום זכר. נאר
אז דו וועסט מיר טאן דוזן מנהג הטבע ווארום די יהודים
זיצן זיך ביא דיר אין דער מדינה פון דער איבג אן
אן דו וועסט דם ברעכן. וועל איך אוך טאן דוזן מנהג
העולם. און וועל קומן מיט מיינע לייט צו דיר אין דיין
מדינה חתונה האבן. און איין קליינע צייט איז אן גקומען
דיא בריב צו דעם מלך. דער מלכות האט ער זעהן
דעם בריב. איז אים געווארן זייער שלעכט אין צווייהען.
זאל ער הייסן דיא יהודים ארוס טרייבן איז אים שלעכט
ווארום ער האט גרוסען פראהאר פון זיי. זיי האלטן ביי
אים אלע פורבארען. אוך אלע אטקאפען. און אחוץ ער
האט זיא סתם ליב. און ווען האט ער צו זיא אז ער זאל
זיא אזא שלעכטץ טאן. און זאל זיא אזו צו ברעכן און
זיא ארוס טרייבן אונ וואס וועלן זאגן אנדערע מלכים.
זאל ער זיא ניט הייסן ארוס טרייבן ער וויל אבר דיא בת
מלכה פאר איין מלכה. בקיצור ער האט געשיקט צו נאנך
רופן דיא גאנצע מאניסטערסטווע אוך אלע יועצים אוך אלע
חכמים. זיא זאלן אים ראטען וואס ער זאל טאן. ובפרט
איין מלך טאר ניט זיצן אן איין מלכה. וויל ער תיכף
חתונה האבן. און זיא וויל ניט אנדערש נאר מען זאל
[illegible] פריה ארוס טרייבן דיא יהודים:

לכן

לכן עוצו עצה איך להתנהג דרום [illegible] איך פון
[illegible] איך [illegible] אין
מיטל וויא אזו איך זאל זיך דא נוהג זיין · ווארום דאס
איז ניט גמאלט אז אין אזא קליינר צייט זאל מען איין גאנצע
אומה יהודים ארוס טרייבן פון א מדינה וועלכס זיא זענען
שון ביא זעצט גוואהרן פון הונדערטער יאהרן · דיא
מאנים מערסטע אויך אלע חכמים האבן גנומען דיא זאך צו
ביא קלערן · איז ביי זיא אזו גיבליבן מע זאל שרייבן
באפעלין אין דער גאנצר מדינה · אין דיא פראפינצן · אז
דער מלכות שאפט אויף דיא יהודים און גוט וויא צייט
אגאנץ יאר אז זיא זאלין זיך איין זאמלען ווייטר [illegible] און
פעגען פר קופן זייערע [illegible] און זיך נעמן דם גלה ·
און ביז דעם יאהר זאל זיך ווייער וואנע ניט געפינען אין
דער גאנצר מדינה · אונ צו דיא נאמשאלסטווע האט ער
צו גישריבן אז זייא זאלין דהוף (גאבראדאריען) אכטונג געבן
אז זיי זאכן אין דר זאך ניט שלאפן און מען זאל ארויש
שרייבן אין די צערקאלאכן · אז דם איז ווייל די בת מלכה
וויל ניט קיין יהודים אין איר מדינה · און דער מלכות
איז דר צו פרינאווען דם צו טאן · אזו זאל מען שרייבן צו
דר גאנצר מדינה · אונ אויך דעם וועג וויא די בת מלכה
דארף פארן פון איר מדינה ביז אין מלכות שטאט אויף
דר חתונה · זאל מען צו שרייבן צו די נאמשאלסטווע אז
זיי זאלן דעם גאנצן וועג משומשטען · אז קיין יהודי זאל
דארט ניט דר מאנט ווערן · דעם מלכות איז די עצה זייער
געפעלן · די חתונה וועט קאנן זיין אין איין קליינר צייט ·
און זיא וועט זעהן אז אויף דעם וועג איז שוין קיין יהודים





ניט דא זיין ווערט זי מיינען אז אין דר גאנצר מדינה איז שון
אין גאנצא קיין יהודים · דר מלכות שרייבט אויך אין בריב
אז דער בת מלכה אז אין דיזי חדשים ארום בלייבט ביי
אונס אין דר גאנצר מדינה אפילו ניט איין יהודי · וועלכס
איז וועט דם אליין ארום זעהן מיט זייגע אויגן בעת אז
זי וועט פארן צו מיר אויף דער חתונה אין מיין מלכות
שטאט · דיא בת מלכה אז זי האט דר זעהן דם בריב האט
זי גהאט דר פון גרוס פר גניגן אז זי האט אום גטאן אזא
גרויסע זאך · דאמעט דא האלטן דעם מלך מיט דער בת
מלכה געבן זיך אויף דער חתונה · און דער גאנצר
מדינה זענען צו שיקט גוואהרן די ביטערע באפעלן · און

### די פינסטערע גזירות :

ובכל עיר ועיר ובכל מדינה ומדינה · און אין יעדערע
שטאט און יעדערע פראפינץ אז דיא באפעלן זענען
אן גקומן און די יהודים האבן זיי איבר גליינט :
אבל גדול ליהודים וצום ובכי ומספד · האבן די יהודים
אנגיהויבן זייער צו טרויערן · און האבן אנגיהויבען
צו פאסטן אונ האבן גוויינט און גיקלאגט צו דם לעבידיגן
גאט אויף זייער ביטער מזל אונ זום קאנן זייא טאן · דיא
הייזער וועט ביי זיי קויפן אז די גברים וויסן שוין
מאל אז נאך דעם יאהר וועט מען די יהודים ארום טרייבן
וועלן זיך מסירא דיא דאמעם בלייבן פאר זייא · און וויא
ניים מען אזא גאנצע מדינה יהודים ווער וועט זייא צוגא
געבן · דער כלל איז דיא גאנצע וועלט האט גיקלאגט

### אויף דער ביטערע גזירה :

ובעיר קראקא דבתי יהודה איש אחד ושמו אברהם · און

דער גרוסער שטאט קראקא איז דארט געוועזן אמענטש ער האט געהייסן ר' אברהם · דער ר' אברהם איז געוועזן איין איש תם וישר און איז געוועזן איין געלערינטער און שפראכן בכתב ולשון · עס האט דער פון קיינער ניט געוואוסט · אויך פון זיין צדקות האט קיינער ניט געוואוסט · דער ר' אברהם האט דער הערט פון דער גזירה · האט דאס אים אויך אן גנומען שטארק ביי זיינעם הארצן · וואס קאן געבען די ארומע יודעלעך מאן זי וועלן זיי אהין קומען · על כל פנים ער האט זיך ווייטער גנומען צום הארצן אונ האט גפאסט עטליכע הפסקות אונ האט זייער אסך תפלות פר בראכט פר דעם אלמעכטיגען נאט ב"ה אבער קיינער האט דער פון ניט געוואוסט · אויף אמאל האט ער זיך אום גירעכינט אז אין דעם טאג וועט זיין דיא חתונה אין מלכות שטאט וועלכעס מען האט בעקאנט גמאכט אין דער גאנצער מדינה · איז דער ר' אברהם גיגאנגען צום קראקויער רב · און זאגט אים וועט מיר מאכן עטליכע הונדערט דוקאטען אויף הוצאות און איך וועל פארן צום מלכות אויף דער חתונה אונ וועל בענטשן אים אוך די בת מלכה · אין אנפאנג איז דיא זאך געווען ביי דעם רב ווי איין געלעכטער · דער ר' אברהם האט אבער גזאגט נים אנדערש · און ער איז בטוח אין השם יתברך אז דורך אים וועט זיין איין ישועה · זוסט וועלן אלע יהודים חס ושלום פאר פאלן ווערן :

דברים היוצאים מן הלב נכנסים בלב · אונ ווייל ווייניג רייד ווען ארום גיגאנגען פון טופען הארצן אונ מיט גרוס צדקת · דרום ווען די רייד אריין גיגאנגען אין דעם הארץ · אונ ער האט באלד גשיקט רופן עטליכע

גבירים



בירים פון דער שטאט און האט אויף זיי נשאפט אז זייא זאלן געבן באלד די עטליכע הונדערט דוקאטען :

וישמעו לדברי הרבי רבי, גבירים האבן באלד צו געהערט דעם רבס רייד און האבן באלד גיגעבן די עטליכע הונדערט דוקאטען · דער ר' אברהם האט זיך גקויפט איין קארעט איין גבאויעטע פון אלע פיר זייטען · גאר פיינלעך פון בידע זייטן און גוטע פיר פערד מיט איין פארשפאן אונ האט זיך גמאכט קליידער אזוי ווי דער גרויבענער כומר · און דעם פארשפאן האט ער אויך גמאכט גוישע קליידער · בכדי אז ער וועט קומען אין די ערטער וויא קיין יהודים זענען שון נישטא · וועלן זייא זיך אן טאן אין דיא קליידער · מען זאל זייא ניט דער קענען צו דיא זעניגן יהודים · און איז אין איין גוטער שעה אוועק גפארן ביז ער איז גפארן אין דיא פראווינץ וואס דארטן גפונען זיך נאך יהודים איז ער גפארן וויא איין גרוסער סוחר · נאר אז ער איז אבער שון גקומען דארטן ווי קיין יהודים זענען שון ניט דא האט ער זיך אנגטאן אין דיא כומר קליידער און דער בעל עגלה האט זיך אנגיטאן וויא איין קאמשער · און ווען אזו גפארן ביז זיי זענען גקומען אין מלכות שטאט האט זיך דער ר' אברהם דער פרעגט צו דעם כומר דער גרעסטער וואס ער וועט דעם מלך מיט דער בת מלכה געבן חופה וקידושין ווערדוג זייער גיוועזן איז פון לאנג אן · אונ איז צו אים פר פארן · דער כומר פון דעם מלך האט זיך מיט אים צו שמועסט האט ער אים גזאגט אז ער איז פון דער אונ דער מדינה אונ איז אויך איין גרוסער מענטש · און ווייל ער האט דער הערט אז דער מלכות האט

צוא

צו מזל תתנה איז ער גקומן צו פאהן בכדי ער זאל דעם
מלך מיט דער בת מלכה בענשן נאך דר חופה · אזו ווי
דס איינפירעכץ ביי מלכים איז · דער כומר המלך רעט
מיט אים אין העלכט זאבען זעהט ער אז ער איז אנהויסער
חכם אונ איין גרויסר למדן אין אלע חכמות · בקיצור די
צוויי כומרים האבען זיך ביידע שטארק משתעשע געוועזן
אזו וויא איין פאטער מיט אגוטן זין אבן יחיד · דער איז
אלמן אין דייעגע לערנונג · אבר דר פרעמדר כומר איז
נאך מער למדן · דר פרעמדר האט גבעטן דעם היימישען
אונ זאגט אים אזו איך בעט דיך אזו ווי דוא זעהסט מיך
אין פאר שטייסט אין מיר זייער גוט אז איך בין דאנקען
גאט אמענש מיט שכל · אונ איך האב אן גיגרייט צו זאגן
איין דרוש צו ליב דעם מלך והמלכה וועלכם איך פאר
זכר מיך אז מע האט דא אזא דרשה ניט גהערט · אוך
די ברכות וואס איך וועל ווינטשען · דבן נאך דער חופה
וקדושין אז אלע גרוסע לייט היינו דיא מאניסטערסטווע
אוך אלע שרי מלוכה וועלן שון זיצן ביי דעם טיש וואס ער
איז אנגיגרייט צו דר סעודה דענצמאל זאלסטו מיך יאווען
צו דעם מלך והמלכה אז עס איז גקומן איין כומר אזא
גרוסער מענש · אונ ניט פון דר מדינה אונ וויל צו ליב
דעם מלך והמלכה זאגן איין דרשה און זאל די בענטשעך
מיט שיינע ברכות · אונ אז דעם מלך והמלכה וועט געפעלן
אונ וועלן ווען מיך הערן זאל מען שיקן איין פאסעל
אז מע רופט מיך וועל איך קומן צו פארן מיט מיין קארוטע
ווארום אוף איין אנדערע קארוטע פאר איך ניט · דער
היימישער כומר זאגט אים צו אז ער וועט בוודאי די זאך

פרעדריאווען



פרעדריאווען אונ וועט גאך אן דיין רה צו אז מע זאל נאך
אים שיקן בכדי ער זאל הערן דין דרשה אוך דיינע ברכות·
דר היימישער כומר איז אוועק גפאהן · אין זייער נאטס הוז
ער זאל דארטן געבן די חופה וקדושין · און דר פרעמדער
כומר איז דארטן גבליבן אין דין גיבאטע קארוטע אונ האט
זיך אנגיטאן טלית ותפילין און האט דארטן אס גראוויקט
אונ האט צו גוף גלייגט דעם טלית ותפילין אין קארוטע ·
אין האט זיך אנגיטאן די כומרישע קליידר אונ האט אונטער
דעם בארמיל ארין גישטעקט דעם טלית זאק · אונ איז
גזעסן אונ האט שון גווארט ביז מע וועט אים שיקן רופן ·
און דר ווייל האט ער זיך זייער גוט אוים גתיינט פר דעם
אלמעכטיגן אז ער זאל אים דא העלפן אין כללות ישראל :
כן יהיה אזו איז גוועזן דר היימישער כומר האט די גיגעבן
חופה וקדושין אזו ווי זייער מנהג איז · און די
מאווקע האט זייער שיין גישפילט און האבן גפורט אהיים
דעם מלך מיט דר מלכה מע האט גשיקט צו נאנד רופן די
אלע גרוסע לייט היינו די מאניסטערסטווע אוך אלע שרים
און די אלע גרוסע לייט וואס זענן גקומן מיט דר בת מלכה
פון איר מדינה · און מע האט זיך גזעצט צום טיש מיט
גרוס פאראד אוך מיט גרוס הערשאפט כיד המלך והמלכה·
דער היימישער כומר איז גזעסן לעבן דעם מלך והמלכה·
האט ער זיך דר מאנט אין פרעמדן כומר · אונ וואס ער האט
אים צו גזאגט · האט ער איין קלאפ גיגעבן אין טיש אונ
זאגט אזו ליבר קיניג אוך קיניגליכער מייסטעטן אונ איר
אלע שרי מלוכה הערט צו מיינע רייד · איר זאלט וויסן
אז צו מיר איז גקומן צו פאהן איין כומר ער איז ניט פון

דער

דר מדינה · אונ ער איז איין גרויסער מענטש אין קאג איין סך שפראכן אין איז איין גרויסער למדן אין איין חכם אין אלי לערנונג וועלכס איר ווערט אלע פון אים זיין זייער צו פריהן · אין ער איז גקומען נאר וועגן דעם מלך והמלכה ער זאל צו ליב זייא זאגן איין דרשה אין עטליכע ערלייא שפראך אונ זאל זיי בענשן · על כן אם נא מצאתי חן בעיניכם · אוב איך האב גפונן חן אין אייערע אויגן בעט איך פון אייך אז מען זאל אים שיקן בעטן אהער · בכדי מיר זאלן הערן זיין וואונדערליכע דרשה אוך זיינע ברכות ווארום דר מענטש ווייזט מיר אוס פר איין גרויסן געטליכן מענטשן · ער ווערט פון השם זאגן זייער פיין און וואונדערליכי ברכות · דער מלך והמלכה זענן זייער פרייליך גוועזן אונ האבן גשאפט אז מע זאל דעם כומר דעם פרעמדן בעטן אל בית המלך מיט גרוס כבוד · דר פאפעל איז גפארן מיט איין שיינער קארעטע נאך דעם כומר · אבער ער האט ניט גוואלט פארן מיט דר קארעטע אונ איז גפארן מיט זיין איינגע קארעטע ווייל ער איז זייער איין הייליגר מענטש פארט ער ניט מיט קיין פרעמדע קארעטע · אין קורצן ער איז גקומען צו פארן מע האט אים ארין גנומען זייער מיט גרוס כבוד אונ מע האט אים גשטעלט איין שטול ער זאל זיך אביסיל ביא טראכטן איי ער ווערט אנהייבן צו זאגן · דר כומר האט זיך אביסעל אפ גרוהט · אונ איז אוף גישטאנען און האט אנגיהויבן צו זאגן אייף דעם לשון פון דר מדינה · ער זאגט דם דרוש און זאגט ברכות וועלכם זיי האבן ציים זייער לעבן ניט געהערט אזעלכע רייד · ער האט אפ גיזאגט האבן אלע ניקלאפט בראווע

בראווע



בראווע · דר נאך האט ער גזאגט דעם איינגנעם דרש אוך די ברכות אוף דעם לשון פון זיין מדינה וואס ער האט נאך נימעלד מע האט אוך צו גיקלאפט בראווע · בראווע · אין קורצן · ווי פיל לשונות דער מלך אוך די מלכה האבן גקענט האט ער אוף די אלע לשונות גזאגט דעם איינגנעם דרש אוך די ברכות אונ מע האט אלץ ניקלאפט בראווע · דר נאך האט ער זיך גזעצט אביסיל אפ רוהען ווייל דאס זאגן האט גווערט העבר צווי שעה · דר מלך שענקט אליין איין כוס ויין און גיט אים ער זאל טרינקן · ער זאל זיך דר קוויקן דם הארץ ווייל ער האט זיך אן גהארעוועט מיט דעם זאגען · זאגט דער כומר אדוני המלך · קיניגליכער מייאסטעט · איך דאנק דיר איך האב נאך ניט ניקאנטשיט מיין זאך · דר מלך שטעלט אנידער דעם כוס און גלוסטן ווייטער צו הערן זיינע געטליכע רייד · דר כומר זאגט נא · איר זאלט וויסן אז ניט נאר וועגן די דרשות אוך די ברכות אליין בין איך גקומען אהער ניין · איך האב דער מלכה ניבראכט אין מתנה וועלכע איר האט נאך אזעלכע זאך ניט גזעהן · ווי אלע זאגן אדרבא לאמר זעהן · נעמט דער כומר דעם טלית זאק וואס ער האט ביי אים גישטעקט אונטערן נארפיל און קערט אים איבר און זאגט צו דער גאנצע פאבליקע זעהט איר אלע אז דא איז גאר נימא · מיר זעהן זאגן זיי · נא · זאגט ער צו דער מלכה · טוא ארין דיין לינקע האנט אין דעם זעקיל וועסטו דיר ארום נעמען דיין מתנה · די מלכה האט ארין גטאן איר לינקע האנט און נעמט זי ארום זי טוט אקוק זענן ארום גוויקילט צוויי שלאנגן וועלכם עס איז איין מורא גוועזן אוף זייא צו

קוקען

קוקען און זיי זיקען מיט די פיסקעס נאר אוף צו שלאגן ·
דר הימעשר כומר הט דס דר זעהן שפרינגט ער ארום
פון דעם אונטערן טיש · אונ וויל אים געבן איין פאטש ·
אבר דער מלך חאפט אים אן ביא דער האנט אונ לאזט
אים ניט שלאגן · און זאגט דס איז דאך עפס איין געשעפט ·
דר חייל שרייט די מלכה מחמת גרוס פחד · און מחמת
די קעלט פון די שלאנגען וואס ווען ארויף געוויקעלט אויף
דר הולער האנט · די מלכה שרייט אום גאטעס ווילן וואס
ווילסטו איך וועל דיר טאן וואס דו וועסט בעטן ביי אונז ·
זאגט דר כומר שרייט ניט הט קיין פארכט ניט פר דיא
שלאנגען ביז איך וועל ניט הייסן וועלן זיי דיר גאר ניט
טאן · וואס פארט ווילסטו שרייט די מלכה דר שרעק איז
איר זייער גרוס · זאגט ער אזו צו דר גאנצר פאבליקע אונ
צום מלך והמלכה איר זאלט וויסן אז איך בין איין יהודי
און אזו ווי די מלכה הט זיך איינגעשפארט אז קיין יהודים
זאלן ניט זיצן אין דר גאנצר מדינה · און דר מלכות איז
געווען פרענזעדען אונ האט אזו געשאפט אז קיין יהודים זאלן
ניט דר מאנט ווערן אין זיין גאנצער מלוכה · יעצט איז
אזו קאנסטו מיר ארויס געבן איין פראווע מיט גילדענע
אותיות · אונ דוא זאלסט זיך חתמן מיט דער רעכטער
האנט אז יהודים זאלן זיצן אין דר גאנצר מדינה פראנקען
פריי איז מה טוב · אונ אוב ניט ווי פיל איר ווענט דא
וועלן דיא שלאנגען אום הרגען און זאג גיך איין תשובה
הן או לאו · דר מלך הט דר פון גרוס הנאה גיהאט ווייל
ער הט תמיד ליב גהאט די יהודים · און די מלכה האט
געזעהן אז עס איז שלעכט הט זי געשאפט אז מע זאל באלד

מאן



מאכן איין פראווע און זי וועט זיך חתמענן · דער מלך
הט גרוס דחמנות גיהאט אויף דר מלכה מחמת איר שרעק
פון די שלאנגען הט ער אליין גישאפט דעם פארטעט מיט
די אותיות · אונ שטעלט אפ · אפראווע אז יהודים מעגן
זיצן אין דער גאנצר מדינה כבראשונה אזוי ווי פון ביאנגע
צייטן אן · דר חייל דר הערט דר ר' אברהם אז דער
הימעשר כומר איז שטארק ברוגז אויף אים · זאגט ער
צו אים נאר · אז עס געפעלט דיר ניט בין איך דאך נאר
איינר הייס מיך הארגענן · אבר זאגט ער גלאבר אז דוא
זאלסט זיך ניט מישען אין דעם געשעפט · וואורום אם נייען
די שלאנגען אראפ פון דר מלכה האנט אונ וועלן זיך ארום
וויקלען ארום דיין האלדז ביז זיי וועלן דיך דער ווארגן · דר
הימעשר כומר הט דס דר הערט הט ער אנגיהובן צו פאלן
אים פאר די פיס ער זאל אים מוחל זיין וואס ער האט
גירעט · דר חייל אזוי די פראווע פארטיג גמאכן האט ער
גהייסן אז דר מלך מיט דר מלכה אויך אלע מאניסטארן
און דיא שרי מלוכה זאלן זיך חתמנען · זיא האבן זיך
אלע אפ גחתמת · ער נעמט צו ביא זיא דיא פראווע
און ביא האלט זיא · דער נאך זאגט ער צו דער מלכה
טוא ארין דיין האנט אין זעקיל · ארין זיא האט ארין
גטאן דיא האנט אונ נעמט ארוס די איזריין · נעמט דער
ר' אברהם ווידער דעם טלית זאק און קערט אים איבר
און זאגט זעהט איר אלע אז ער איז ליידיג און ריין ·
נא יעצט טוא ארין דיין רעכטע האנט אין זעקיל · זיא
האט תחילת שון מורא גהאט · נאר דער מלך און דיא
גאנצע פאבליקע האבן זיא אן גירעט אז זיא זאל קיין

פחד

כתר האבן: זיא האט אבין גטאן דיא רעכטע האנט אונ האט ארוס גנומן איין שטעקעלע איז דאס גוועזן פון איין פייערן דימאנט אונ עס איז גוועזן דרויף אויס גמאכט אלירלייא חיות ועופות· אין קורצן מען האט גזוכט דר נאך צווישן אלע גנזי מלכים אונ עס איז ניט גפונגען גווארען אזעלכס· דער וויל איז שון גווארן אגרוסי שמחה צווישן דער גאנצר פאבליקע· אונ דער ר' אברהם האט שון גנוסן איין ביסל משקה אונ דער מלך והמלכה האבן גשיקט גרויסע מתנות צו דיא יהודים· ווייל זייא האבן גזעהן אז השי"ת העלפט דיא יהודים תמיד חוץ מדרך הטבע· אזו זאל אונז השי"ת תמיד העלפן פון דיא וואס ווילן אונז שלעכץ טאן· דער ר' אברהם האט זיך מיט דעם מלך אונ מיט דער מלכה אוך מיט גאנצר פאבליקע אפ גזעגינט· אונ איז אוועק גפארן· אונ מחמת גרוס פרייד· וואס ער פירט דיא פראווע· אז דיא יהודים זאלן זיצן אין דער מדינה כבראשונה· אונ נאך מיט מתנות פון דעם מלך והמלכה· איז ער גלאפן בייא טאג אונ בייא נאכט· אונ איז גקומן אין איין מיטן וואלד· אונ וויא ער איז גלאפן האבן דיא [illegible] ארויס גחאפט דיא קארעטע אונ אים האט איין דארען איין אויג אויס גרוסען אונ ער האט אלץ ניט גהערט ביז ער איז גקומן אהיים קיין קראקא אונ האט אפ געגבן דעם רב דיא פראווע· אונ ער האט נאך גלעבט אין גאנצן דרייא טאג אונ איז גישטארבן:· האט מען אים אן גטאן זיין רעכט· אונ מען האט אים דר נאך גישטעלט איין מצבה מיט גילדענע אותיות אונ מען האט אויף גישלאגן· פ"נ אברהם

בעין



בעין אחת· דיא מצבה שטייט עד היום הזה· אונ די אלע גרויסע לייט האבן פר שריבן די גאנצע מעשה אין פינקס דהחברא קדישא פון דער גרויסר שטאט קראקא אונ דיא שמשים פאר שריבן [illegible] היום· זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן:

ענדע.

# מעשה אמשטרדם

בעיר הגדולה אמשטרדם אין דער גרויסער שטאט
אמשטרדם זענן געווען איין
פאר פאלק מאן אונ ווייב · וועלכע זייא זענן געווען גרויסע
גבירים · זייא האבן געהאט עטליכע סליאנען בארעם
געלט · ווייערע האנדלין זענן געווען אלץ אין ווייטע לענדער ·
אויך (מעבר לים) דייערע סחורות זענן געגאנגען איבער
גרויסע ימים · רייך זענן זייא געווען אין געלט אין אלירלייא
גוטץ · אבער אין קינדער נאר ניט זייא זענן שוין אלט
געווען פערציג יאר · אונ האבן ניט געהאט קיין שום
קינד · דיא פאר געמין זיך אלע טאג צייט איין שעה אין
זארגין זיך אין זאגין איינער צום אנדערען · וואש טויג
אונזער עשירות אין וועמען וועט דאש בלייבן · זאגט דער
גביר צו זיין ווייב דא דארף מען ביא טראכטען מען זאל
מאכין איין גישעפט פון גאטס וועגין אז אונזער געלט זאל
אין גאנצין אריין גיין נאר אין איין קדושה · אודאי וועט דאש
הש"י אן נעמין גלייך וויא קינדער · נא הש"י איז אגרויסער
בעל הרחמים · הש"י האט גיזעהן אז ער האט גרויש
לוסט אז דאש געלט זיינעם זאל אין גיין נאר אין איין
קדושה אריין · האט אים גאט אריין גישיקט אין זיינע
גידאנקין אז ער זאל טאן וויא ווייטער וועט שטיין · דער
גביר האט זיך אזוי ביא טראכט אין האט צו שיקט בריב
צו זיינע משולחים · וועלכע זייא זענין געוועזן אין ווייטע
לענדער אז זייא זאלין נאך פרעגין וויא עש גיפינט זיך
אזא וואלד וואש דארטין זיינען בנמצא הערשין אזוא וויא
אין אונזערע גרויסע וועלדיר גיפינען זיך האזען · דיא

משולחים



# מעשה אמשטרדם

משולחים אז זייא האבן דער האלטין דיא בריב · האבן
זייא אן גיהויבען צו קלערין ביז זייא האבן אן גיפרעגט
אזא וואלד וואש עש איז דארטין בנמצא דיא הערשין מען
קאן זייא גריינג ביא קומען · דיא משולחים האבן באלד
גישיקט בריב צו דעם גביר אונ האבן אים מודיע גיוועזן
וויא דער וואלד איז וואש מען קאן ביא קומען די הערשין
דער גביר אז ער האט דער האלטען דיא בריב איז ער
גיווארין מלא שמחה האט ער באלד גישיקט רופען איין
שוחט דעם טייערסטען מענטש און האט מיט אים אפ
גירעט אזו אז דער שוחט זאל מיט אים פארין און ער
ניט אים וואך געלט איין רענדיל אוואך אחוץ וויפיל ער
וועט זיך דארטין זאמען מיט אים אין וועג זאל מען זיין
ווייב אין קינדער געבין מזונות אין מלבושים פון זיין
קאנטאר אויף דעם שענצטין אופן · אין דארט זאל דער
שוחט נאר זיצין אונ לערנין אונ גאט דינען · אונ אז ער
וועט דארפין גיין קוילען איין הערש זאל ער פריער גיין
זיך טובלן · דער שוחט איז מרוצה גיווארין און מען האט
גישפאנט איין בריקע אין מען איז אוועק גיפארין אין דער
מדינה וויא דער וואלד איז לשלום דעם גאנצין וועג איז דר
שוחט גיזעסין און בויר און האט גילערנט · עסין און טרינקען
גלייך מיט דעם גביר · נא דיא מדינה איז גיוועזן זייער ווייט
זייא זענין העכיר וויא איין יאר גיפארין ביז הש"י האט זייא
גיבראכט לשלום אין דער שטאט וואש דארטין איז גיוועזן
דער וואלד וואש דיא הערשין זייגען דארטין בנמצא · דער
גביר האט זיך דארטין גידונגען איין שיינעם הויף (דוואר)
אונ האט גילאזט מאכען איין סוכה אויף דעם הויף איין

ווארעמע

נארעטע אונ האט זיך דארטין ביי ועצט · דעם שוחט האט ער אפ גינעבין איין ביי זונדרען קאמענאט אז ער זאל דארטין זיצין און לערנען אונ נאט דינען און זאל ניט אין זינען האבין קיין אנדרע זאכין ווייל ער האט ווייב אונ קינדער שוין לאנג פאר זארגט מיט עסין אונ טרינקען אויך מיט מלבושים אזו וויא מיר האבין אויבען גימעלדט : ויהי לחודש ימים אין צייט פיר וואכען ארום · דער גביר האט זיך שוין ביי קענט מיט מענטשין פון דער שטאט האט ער גיגעבין איין ברוז ווער עש וועט אים ברייגען איין לעבעדיגן הערש אן איין שום מום · גיט ער פאר אים צווייא דאקאטן · אז דיא יודען האבין דאש דער הערט האבין זייא תיכף גימאכט אזעלכע געצין אז זייא זאלין כאפין דעם הערש און עס זאל אין אים ניט זיין קיין מום יעדער וואך פלעגין זייא אים ברייגען איינעם אודער צווייא הערשען ער האט זייא ביי צאלט אזו וויא ער האט צו גיזאגט · תיכף האט דער גביר גישאפט דעם שוחט ער זאל גיין אין מקוה זיך טובלען און זאל אים קוילען און אז דער שוחט האט אים גיקוילעט · דער שינדער האט תיכף דאש פעלכען אפ גיצויגען אונ דאש פלייש האט ער אוועק גישענקט ארימע לייט · דאש מעסיר וואש דער שינדער האט גישינדין דעם הערש האט אים גימאכט איין יודעשער קאוול אונ איידער דער קאוול האט אן גיהויבען צוא מאכין דאש מעסיר איז ער פריער גינאנגן אין מקוה אויך איידער דער שינדער האט אן גיהויבען צוא שינדען דיא פעל איז ער אויך פריער גינאנגן אין מקוה זיך טובלען · דיא זאך האט זיך אזו גיפירט כסדר





ביז השי"ת האט אים גיהאלפין ער האט צוא נויף גינומען הונדערט פופציג פעל חומשי אויך איין ספר תורה דארף מען אזו פיל ניט האבין · נאר ער האט גיטראכט שאמער ווערט חס ושלום קאליע איין פעל אין דער זאלע · אדער אין אייש מאכען זאל ער האבין מיט עפים צוא דער לייגען · אז נאך האט אים גיהאלפין ער האט שוין גיהאט דיא פעל טריקען איז ער אהיים גיפארין מיט דעם שוחט מיט דיא פעל ביז ער איז אהיים גיקומען לשלום קאן מען פאר שטיין וויפיל דיא פעל האבין אים גיקאסט · אז ער איז שוין גיקומען אהיים לשלום האט ער אן גיהויבען נאך פרעגין אויף איין סופר וועלכער ער איז איין ברוישער בעל מלאכה אויף אויש צו מאכען די פעל אויך איין ירא ושלום ביז ער האט אן גיפרעגט האט ער אים גינומען צוא זיך אונ האט מיט אים אויך אויש גינומען אז דאש וואש עס דארף אוועק גיין ביי ווייב און קינדער איין גאנצע וואך אויך הלבשה און הנעלה גיט ער אים אחרין גיט ער אים איין גוטען מקח פאר יעדער פעל אויש מאכען · דער סופר איז אויך מרוצה גיווארין און איז ביי אים פאר בליבען · דער סופר האט גיגעבין די פעל איין ווייקען איז ער פריער גינאנגין און האט זיך גיטובילט · דעם קוועטש מעסער אויך דעם שאב מעסער האט גמאכט אויף עש נאייע איין יודישער קאוול · און פאר דעם מאכין האט דער קאוואל גיטובלט גיין אין מקוה · אז דיא פעל ווענין פארטיג גיווארין צום אויש מאכען · האט דער גביר אן גיזאגט דעם סופר · אז ער זאל ווערערין מא: אויש מאכען נאר איין פעל בכדי ער זאל זיך ניט איילען א:נ

זאלט זיא מאכן מיט ישוב הדעת אונ ווא זאל ארויש
קומען גאנץ אונ פאר ווארע פעל זאל ער זיך טובלען
אזוי האט דער סופר גיטאן · דאש האט אויך גיווערט
איין שיין ביסעל צייט · קאן מען פאר שטיין וויפיל עש
האט גיקאסט דאש אויש מאכן דיא הנהגות אונ
פופציג פעל :

ויהי כאשר שלמו ימי העיבור אונ אז עש האט זיך
שוין אויש גילאזט די
מעג פון אויש מאכן דיא פעל האט דער גביר צו שיקט
בריב צווישען אלע צדיקי הדור אז ווער עש ווייסט פון
איין סופר וועלכר ער איז איין ירא ושלום אונ איין מקובל
זאל מען אים שיקן דרייא סופרים זיא זאלן זיין יראים
ושלמים אונ מקובלים אונ זייער כתב זאל זיין גלאך וויא
איין האנט האט גישריבן אונ ער איז זיך מתחייב צוא
געבן יעדרין סופר צו דרייא רענדליך איין וואך · הין
זאל ער געבן זייער ווייבר אונ קינדער וויפיל עש בדארף
ביזא זיא אוועק צוגא זיין איין וואך אונ אויב זיא וועלין
האבן אזעלבע קינדער אויף חתונה צו מאכן וועט זיא
דער גביר חתונה מאכן אונ אויב זיא וועלין מרוצה
ווערין אויף דיא אופנים זאלין זיא באלד קומען צו פארן ·
השי"ת האט אים גיהאלפן אז דיא צדיקים האבן אים
אפ גיזוכט דרייא סופרים אזוי וויא ער האט גיוואלט דיא
סופרים זענן אלין גיוועזן צדיקים :

ויהי כבואם אונ אז דיא סופרים זיינען אן גיקומען
צוא דעם גביר · האט ער זיא אפ גיגעבן
אימליכען איין בייא זונדער חדר אונ האט מיט זיא אפ

נירעט



גירעט אז יעדער סופר זאל מיין ניט שרייבען איין טאג
פאר דרייא שורות · פאר דעם שרייבן זאל יעדער סופר
זיין אין מקוה אריין · אויך פאר יעדער שם זאלין זיא זיין
אין מקוה אריין זיך טובלען אונ אז זיא וועלין אפ
שרייבן אימליכער זייני דרייא שורות זאלין צווייא סופרים
זיין צום דריטען סופר אונ זאלין מגיה זיין זייני דרייא
שורות · דער נאך זאלין דיא צווייא זיין צום אנדרען אונ
זאלין מגיה זיין זייני דרייא שורות און אזוי אויך צום
דריטן · בכדי אז דיא זיין שורות וואש אין טאג ווערט
אפ געשריבן · זאלין אלע דרייא סופרים זיא מגיה זיין :

וכן היה אז אין זיבען דיא סופרים האבן אן גיהויבען
אין איין גוטע שעה צוא שרייבן · אונ אזוא וויא
דער גביר האט מיט זיא אפ גירעט · דאש מעסירעל וואש
דיא סופרים האבן גימאכט דיא פענעס צום שרייבען האט
גימאכט איין יודישער סאמואל אונ איז פרישער גיגאנגן אין
מקוה · יעצט פאר שטייט וויפיל עש האט גיווערט דאש
שרייבן פון דער ספר תורה און וויא פיל זיא האט גיקאסט
אז השי"ת האט שוין גיהאלפן אז די סופרים האבן שוין
גיקאנטשעט דיא תורה האט דער גביר גיטרעביוועט דרייא
בעל מגיהות אונ האט מיט זיא גירעט אויב וועלכיר ווערט
גיפינען איין גרייז אין דער תורה נים ער פאר יעדער גרייז
דרייא רענדליך דיא בעלי מגיהות האבן מהסתם ניט
גיזוכט אין דער תורה איין גרייז חאטשי איין קוצו של
יו"ד זאל אפ זיין · אבער זיא האבן ניט גיפונען פון דעסט
וועגין חאטשי זיא האבן ניט גיפונען קיין שום גרייז ·
האט ער אימליכען בעל מגיה געבן פאר שכר מתנא צו

פופציג

פופציג רענדליך · אונ האט זיא אפ גישיקט איטליכן צו
זיין היים מיט גרויש כבוד :

**אחר הדברים האלה** נאך די אלע זאכן אז דא התורה
איז שון גיוועזן אין גאנצן

פארטיג אפילו מיט דער הגה"ה · האט ער גישריבן גיוועט
אין יורשען גאלד שפיר : ער זאל מאכן צוא דער תורה
איין כתר און האט אים צוא גיזאגט אין גרוישען שכר
מלאכה און גאלד אונ זילבער האט דער גביר גיגעבן זיינם
אונ האט מיט אים גיהאט אין מדובר · אז אלע כלים וואש
ער דארף צו דער מלאכה · זאל ער מאכן נייע אונ בייא
אין יורעשען קאוואל אונ איידער ער ווערט אן הייבן צו
ארבעטן יעדער טאג זאל ער פריער גיין אין מקוה · אונ
זאל זאגן דאש גייט ער אין מקוה לשם קדושת ספר התורה
אונ אז ער ווערט אן הייבן צוא ארביטען דעם כתר זאל
ער אויך אלע טאג גיין אין מקוה אלין לשם קדושת ספר
תורה · אין קורצין דיא כלים און דער כתר האט גיווערט
איין שין ביסעל צייט אזוי ער איז פארטיג גיווארין · דער
נאך האט ער גינעמן אין יורשען וועבר · אונ האט
גיגעבן אלירלייא זיידען ער זאל פריש וועבן אין מפה און
איין מענטילע צוא דער ספר תורה און אויך אויף דעם
אופן אלע כלים וואש ער דארף צום וועבן זאל מאכן
איין יורשער שמאליר אונ זאל פריער גיין אין מקוה אריין
אונ אז ער ווערט אן הייבן צוא וועבן זאל ער אויך אלע
טאג גיין זיך טובלען אלין לשם קדושת ספר תורה אז
גאט ב"ה האט אים שון גיהאלפן ער האט שון אלין
דינג גימאכט גרייט האט ער אן גיהויבן צו מאכן סעודות

ערשטען



ערשטען האט ער גימאכט איין סעודה ווען ארימע לייט
דיא סעודה איז גיוועזן כסעודת שלמה בשעתו עסין אונ
טרינקן און אלירלייא משקאות און האט ווייאר איין סך
געלט צוא טיילט דער נאך האט ער גימאכט ווען אלע
חברות · יעדער טאג אויף איין בייא זונדער חברה ביז עס
איז גיקומען דיא נאכט פון הושענא רבא · האט דער גביר
גימאכט דעם סיום התורה איז ער פריער גיגאנגן אין
וואסיר זיך טובלען דער נאך האט ער אלין גישריבן
דיא ב"ית פון בראשית · און דיא למ"ד פון ישראל מען
האט דיא תורה מלבוש גיוועזן בכלי קודש דיא מפה
אונ דאש מענטילע אונ דעם כתר אונ דיא יד אונ נאך
כלי קודש אזו וויא דער תורה איז אן גישטאנין אונ דיא
מוזיקע האט גישפילט אונ מיהאט זיא גיטראגן אין שול
אריין קאן מען פאר שטיין וויא אזו דיא שמחה איז גיוועזן
אין דעם גביר אויך פון דער נדיבותה מיהאט דיא תורה
אריין גישטעלט אין ארון הקודש חאמשי עש איז גיוועזן
שמיני עצרת האט מען פארט אין איר ניט גיליינט וויל
זיא איז גישטאנין בייא וזאת הברכה האט מען זיא ניט
גיוואלט (גולל זיין) וויקלען ביז ראה נאר שמיני עצרת אויף
דער נאכט איז דיא גאנצע חברא קדושא גיגאנגין מיט
דעם רב פון אמשטרדם אונ דער גביר איז גיוועזן ראש
החברא קדישא זיינען זיא גיגאנגען אין שול אריין האט
דער חזן (דביהכ"נ) פון דער שול גיזאגט אתה הראית אונ
מיהאט מכבד גיוועזן דיא אנשי החברא · און דעם גביר
האט מען גיגעבן זיין תורה מיט דעם כתר און מיט
אלע כלי קודש וואש צוא איר גיהער אונ ער איז מיט

איר

איר גנאנגען אלע הקפות ער האט זיא קיינעם אין דיא הענט ניט גיוואלט געבין :

אחר ההקפות נאך דיא הקפות האט מען צריין גישטעלט אלע תורות צוא ריק אין ארון הקודש אן דיא נאייע תורה האט מען גילאזט איבער מיזאל אין איר לייענן וזאת הברכה. מען האט אויף גירופן דעם גביר צום ערשטין ער האט גימאכט דיא ברכה. דער קורא האט אן גיהויבען צוא לייענן וזאת הברכה ער לייענט אף דעם ערשטען פסוק. (ויאמר ה' מסיני בא וזרח משעיר למו הופיע מהר פארן ואתה מרבבות קודש מימינו אש דת למו) איז דער גאנציר פסוק אף גיגאנגין. דער קורא איז גיבליבען שטיין. דער רב שרייט נא לייענט וויטער. זאגט דער קורא צום רב קומט ארויף. דער רב איז צוא גיגאנגין צוא דער תורה. ער זעהט אז דער גאנציר פסוק גייט אפ. דער גביר האט הער זעהען איז ער חלשות גיבליבין דאש ווייב האט דער הערט אז דיא ספר תורה איז פסול איז זיא אויך חלשות גיבליבען מען האט אז גיהויבען זייא צוא מינטרען אבער וואש מען מינטערט זייא אויף. זייא דער מאנען זיך אז זייא האבין אויש גיבראכט אזו פיל מדיאנגען ולסוף איז זיא פסול. חלשען זייא וויטער. בקיצור עש איז גיווארין אין שול איין גיוויין אז אום תשעה באב דארף מען ניט אזו וויינען מען האט דיא תורה צוא נויף גיוויקעלט. אונ מען האט זיא ארין גישטעלט צוא ריק. דעם גביר מיט זיין ווייב האט מען אונטער דיא הענט אהיים גיפירט זיינען נאך גיגאנגען צום גביר אלע פאר נעכסטע מענטשי.

אויך



אויך דער רב זיא זאלין דעם גביר מיט זיין ווייב מנחם זיין זייא האבין אים גיזאגט נא איר זעהט דאך אז דאש איז נאר פון גאט שטייטש אזו וויא דיא דרייא סופרים האבין מגהה גיוועזן אלע טאג דיא ניין שורות. אונ דער נאך דיא דרייא בעל מגיהות אונ עש האט קיינער ניט גיפונען אז עש זאל אף זיין אפילו איין קוצו של יוד אונ היינט גייט אף אזוי פיל עש קאן זיין אז השי"ת האט אזו גיפירט בבדי דיא שמחה זאל ניט זיין פאר פיל לבן דארפט איר זיך ניט אזו נעמין צום הארצין. וואש קאן דא מער זיין. פארמעט האט איר גרייטען וועט איר נאך יו"ט שיקן נאך איין סופר פון דיא דרייא ער זאל אייך צוא שרייבן איין יריעה אונ דיא יריעה וועט איר אוועק לייגען. וועט אייך נאך קאסטין טויזענט רענדליך אבער די תורה געט טאקע זיין איין חידוש אויף דער גאנציר וועלט. דארום עש איז ניט פאר האנדין אין קיין שום שטאט אזא תורה אזא היילגע. דער גביר האט אויך פאר שטאנין מיט זיין שכל אז דאש איז איין קליינקייט. אונ ער קאן זיא פאר רעכטין אונ האט זיך גישטארקט אונ האט נאך דעם ווייב אויש גירעט זייא האבין דאך ניט פאר שטערט יו"ט אונ האבין גיזאגט כל מה דעבד רחמנא לטב עביד. וואש גאט טוט איז אליץ גוט. אונ האבען מקיים גיוועזן שמחת יו"ט אונ האבין גיגעסין. אין דער פריא איז דער גביר אויף גישטאנין. האטשי דאש הארץ איז אים גיוועזן זייער פאר בימערט פון דעסט וועגין האט ער זיך דיא אלע זאבין ארויש גישלאגין פון דיא גידאנקען אונ איז גיגאנגין אין שול אריין דאווינען עש

איז גיקומען צוא דיא הקפות האט מען ווידער ארויש
גינומען דיא נייע תורה מיט אירע כלי קודש אונ מען
האט מכבד גיוועזן דעם גביר אונ דיא איבריגע תורות
האט מען מכבד גיוועזן אנדערע מענטשין אין אמשטרדמער
שיל גיפינען זיך העכער הונדערט תורות רופט דער שמש
אויש מענטשין לכבוד התורות אונ דיא מענטשין גייען
צוא אונ נעמין תורות· אין מיטען איז גיקומען איין (יד)
האנט אונ האט אויש גירישען דיא תורה מיט דיא כלי
קודש פון דעם גבירס האנט אונ איז ניט גיבליבען עס
איז גיווארין איין גרוישע טראוועגע מיהאט גיזייען באלד
צוא מאכען דיא טיהר פון דער שול מען הייבט אן צוא
זוכען דיא תורה און דיא כלי קודש אבער מען גיפינט
זיא ניט. איז גיווארין איין גרוישע קלאג אין שול אז
וועלכיר עס האט ניט גיוויינט אום יום כפור האט ער
דא גיוויינט עש האט איטליכען אן גינומען ביא דעם
הארץ אז איוד האט אויש גיבראכט מליאסען געלט אויף
דער הייליגער תורה ולסוף ווייסט מען גאר ניט וויא זיא
איז אהין גיקומען דער גביר מיט דעם ווייב קלאגין וואש
עש איז ניט צוא דער שרייבען און זאגין געבעטען אז עש
איז אפ גיגאנגין דער פסוק און זיא איז פסול גיווארין·
האב איך נאך גיהאט איין האפנונג אז איך וועל נאך
האבין איין תורה אבער היינט האב איך שוין קיין שום
האפענונג ניט נאך אמאל צוא מאכען אויף דעם אופן
פאר מאג איך שוין נימי דער כלל איז דער שמחת תורה
איז גיוועזן אין שטאט תשעה באב עש האט קיינעם ניט
גינומען קיין עסין אונ קיין טרינקען מיהאט נאר גיקלאגט
גוואלד



גוואלד אונ גיוואלד וויא האט זיך נאך גיהערט אזא
מעשה· דער רב מיט אלע פארנעממסטע מענטשין זיצען
ביא דעם גביר אבער זיא האבין זיא ניט מיט וואש
מנחם צו זיין זיי זענען אפ גיזעסין ביא דעם גביר איין
גאנצין טאג פאר נאכט זענין זיא גיגאנגין דאווינען און
גיזעגענען זיך מיט דעם גביר· און ווינטשען אים אז נאר
גאט זאל אים מנחם זיין דער גביר אויך דיא גאנצער
שטאט לייט וויל זיא האבען איין גאנצין טאג גיקלאגט
האבין זיא זיך ביא צייטענס גילייגט שלאפין ביא נאכט
האט השי"ת החמנות גיהאט אויף דעם גביר אונ אויף
אלע שטאט לייט פון אמשטרדם איז גיקומען ביא נאכט
צוא חלום דיא גוטע נשמות וואש זאגין גאר גוטע
בשורות צום רב אונ אויך צו צוויא דריא מענטשין פון
איטליכער גאס· און צו דעם גביר מיט זיין ווייב· און
מען זאגט צוא איטליכען גלייך איר זאלט וויסין אז דאש
וואש דעם גבירס תורה מיט דיא כלי קודש זענין ניט
גיבליבען ווארום מע האט זיא צוא גינומען צוא דער
פמליא של מעלה אונ אין דער תורה נייט ניט אפ
אפילו קיין קוצי של יוד נאר וויל מען איז אויף דער
וועלט ניט ווערט צוא לייגען אין איר ווארום זיא איז
זייער הייליג דרום האט זיך זיא אויש גיוויזין אז עש
נייט אפ איין פסוק אבער זיא איז קדוש בכל מיני קדושות
לכן זאלט איר דעם גביר מיט דיין ווייב זאגין אז זיא
זאלין אויף הערין צוא וויינען אז וואול איז זיא אז זייער
תורה שטייט ביא דער פמליא של מעלה אין איין ארון
הקודש פון דימאנט אונ דעם גביר האט מען גיזאגט נאך
מער

מער און אויב דוא ווילסט זעהען זיא ווערט מען זיא דיר ווייזען :

ויהי בבוקר אונ עש איז גיוועזן אין דער פריא ווענין דיא שטאט לייט אויף גישטאנין אויך דער רב אונ זענין ארויש גיגאנגען אויף דער גאס דער ציילט איינער דעם אנדערען האסטו גיהערט מיר האט זיך אזו אונ אזו גיחאלמט דער ציילט דער דעם אונ דער דעם ביז עש איז גיווארין וויסיג דער גאנציר שטאט אז דיא תורה האט מען צוא גינומען צוא דער פמליא של מעלה וויל מען איז בעולם הזה ניט ווערט גיוועזן אז איר צוא לייגען דער רב איז אויף גישטאנין אונ איז גילאפין צום גביר אונ דער ציילט אים אז מען האט אים ביא נאכט מודיע גיוועזן אזו אונ אזוי · זאגט דער גביר מע האט מיר אויך מודיע גיוועזן אזו דיא גבירתה זאגט אויך מען האט מיר אויך גיזאגט אז אונזער תורה איז ביא דער פמליא של מעלה זאגט דער רב צוא דעם גביר הנם מיר פאר שטייען אז דאש איז אמת אז זיא איז בוודאי דארטין נאר אף על פי כן אז מע האט אייך גיזאגט אז איר ווילט ווערט מען זיא אייך ווייזען זאלט איר זיך הייסען ווייזען זייא האבין אזוא גירעט ביא טאג ביא נאכט זיינען גיקומען צוא אים צווייא מענטשין אונ מען האט אים גינומען אונ מע האט אים גיפירט ארין אין איין היכל ווערלכעס ער האט צייט זיין לעבין ניט גיזעהען אזא שיינעם פאלאץ אונ מע האט אים צוא גיפירט צוא איין ארון קודש פון דימאנט אונ מען האט אויף גיעפינט האט ער זיא גיזעהען וויא זיא שטייט





דארטין מיט דעם כתר · אויך מיט אלע כלי קודש וואש ער האט זייא גימאכט · אין דער פריא איז אויף גישטאנין דער גביר · אונ האט דער ציילט אז ער האט היינטיגע נאכט גיזעהן זיין תורה מיט דעם כתר אויך מיט אלע כלי קודש איז גיווארין איין שמחה אונ פרייד אויף דער גאנצער שטאט אמשטרדם אונ דער גביר האט איבר נאייעם גיסמרויעט סעודות אויף ארימע לייט אונ האט גיטיילט געלט און אויך איין סעודה פאר אלע פארנעמסטי מענטשין אונ מע האט זיך זייער גיפרייט אונ מע האט גילויבט נאט וואש הש"י האט אים אזו ארין גישיקט אין דיא גידיינקען אונ אז ער האט אזו אויש גיפירט דיזאך בשלימות אזו זאל נאט אונז דער פרייאן אונזערע הערציר אונ זאל אונז ארין שיקן אין אונזערע הערציר אז מיר זאלין טאן מצות פון גאטס וועגין מיט גאנצען הארצין אונ זאל אונז שיקען דעם גואל צדק אין אגיכער צייט במהרה בימינו אמן סלה :

ענדע